**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/18/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול, מעיאר אדאמס, טשאן זאקערבורג איניציאטיוו אנאנסירן כמעט $300 מיליאן פאר נייע בייא-מעדיקעל פארשונג צענטער אין ניו יארק סיטי

***נייע פארשונג צענטער ברענגט צוזאם פירנדע אנשטאלטן צו אנפירן אימיון צעלן פאר פריע פארמיידונג, אויפכאפונג, און באהאנדלונג פון קראנקהייטן***

***ניו יארק סיטי און ניו יארק סטעיט געבן ביידע $10 מיליאן פאר די נייע פאסיליטעט***

גאווערנער קעטי האקול, ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס, און די טשאן זאקערבורג איניציאטיוו האט היינט אנאנסירט פלענער פאר די [טשאן זאקערבורג בייא-צענטער ניו יארק (CZ Biohub NY)](), א נייע בייא-מעדיקעל פארשונג צענטער אין ניו יארק סיטי וואס וועט נוצן א כמעט $300 מיליאן פובליק-פריוואטע אינוועסטירונג צו טרייבן מיטארבעט צווישן פירנדע פארשונג אנשטאלטן און לייזן באדייטנדע סייענטיפישע שוועריקייטן. CZ Biohub NY וועט צוזאמברענגען עקספערטן פון קאלאמביע אוניווערסיטעט, די ראקעפעלער אוניווערסיטעט, און יעיל אוניווערסיטעט צו ארבעטן אויף פריע פארמיידונג, אויפכאפונג, און באהאנדלונג פון קראנקהייטן - ספעציעל פאר אווריען און פאנקריאטיק קענסערס און נאורא-דידזשענעראטיוו קראנקהייטן אזויווי פארקינסאן'ס און אלצהיימער'ס - און ווייטער ברענגען ניו יארק סיטי'ס בליענדע לעבנס וויסנשאפטן באפעלקערונג אלץ א גרויסע ארבעט געלעגנהייט צוברענגער און עקאנאמישע ענדזשין אין ניו יארק סיטי.

"מיט א וועלט-קלאסיגע געביידע, פארגעשריטענע פארשונג, און א צייט-געפרואווטע ביישפיל פאר ערפינדונג, וועט די טשאן זאקערבורג בייא-צענטער אונז העלפן בויען די צוקונפט פון מעדיצין אין ניו יארק," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע בייא-צענטער וועט עפענען א וועלט פון מעגליכקייטן פאר פריע פארמיידונג, אויפכאפונג, און באהאנדלונג פון קראנקהייטן, און א דאנק די אינוועסטירונג און אונזער מיטארבעט מיט מעיאר אדאמס און די טשאן זאקערבורג איניציאטיוו, איז אונזער סטעיט איין טריט נענטער צו די קומענדיגע גרויסע מעדיצינישע דורכברוך."

די טשאן זאקערבורג איניציאטיוו וועט אינוועסטירן $250 מיליאן אין די נייע צענטער. די ניו יארק סיטי עקאנאמישע דעוועלאפמענט קארפאראציע (NYCEDC) און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (ESD) וועלן ביידע ביישטייערן $10 מיליאן. די ניו יארק סיטי מעטרא געגנט איז די לאנד'ס [פירנדע ראיאנישע לעבנס וויסנשאפטן צענטער](), מיט כמעט 150,000 ארבעט געלעגנהייטן און 5,100 ביזנעסער וואס האבן ארייגעברענגט איבער $23 ביליאן אין געהאלטן פאריגע יאר.

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס האט געזאגט,** "ניו יארק סיטי'ס אומפארגלייכליכע פארשידנהייט, בליענדע פארגעשריטענע עקא-סיסטעם, און וועלט-קלאסיגע פארשונג אנשטאלטן האבן אונז געמאכט א שטארקע כח אין לעבנס וויסנשאפטן. און די שטארקע מיטארבעט צווישן די סיטי רעגירונג, סטעיט רעגירונג, פריוואטע באפעלקערונג, און פירנדע אוניווערסיטעטן האבן איז געמאכט נומער איינס אין די

לאנד. א דאנק די כמעט $300 מיליאן אייניגע באמיאונג מיט די טשאן זאקערבורג אינציאטיוו, גאווערנער האקול, אין די דריי הויפט אקאדעמישע אנשטאלטן, וועט די נייע טשאן זאקערבורג בייא-צענטער ניו יארק ברעכן בייא-מעדיקעל שטרויכלונגען - אינעם צייט וואס ניו יארק סיטי זעצט פאר צו טון איר טייל צו שטיצן א געזונטערע וועלט."

**CZI קא-אייגנטומער און קא-CEO פריסקילא טשאן האט געזאגט,** "מיר זענען גאר איבערראשט צו עפענען די ניו יארק בייא-צענטער, וועט ווערט ארבעטן אויף נוצן אונזער אימיון סיסטעם צו אויפכאפן, פארמיידן, און צום ענדע באהאנדלען קראנקהייטן איידער זיי ווערן שטערקער. יעצט, ווערן קראנקהייטן אזויווי קענסער און פארקינסאן'ס אסאך מאל דיאגנאזירט נאך עס קומען ארויף קלארע סימפטאמען, וואס דאס מאכט עס שווערער אדער אפילו אוממעגליך צו באהאנדלען. דאס צו טוישן, וועלן פארשער און ענדזשינירן ביים ניו יארק בייא-צענטער בייא-ענדזשינירן אימיון צעלן צו אויפזוכן, באריכטן, און פארערעכטן שאדן צו אונזערע צעלן איידער עס פירט צו ערנסטע קראנקהייטן. לייזן טיפע פראבלעמען, אזויווי אידענטיפיצירן קראנקהייטן פריער ווען אונזערע איסוואלן פאר באהאנדלונג זענען אסאך שטערקער, שטרייכט אונטער אונזער ארבעט איבער די בייא-צענטער נעטווארק, און מיר זענען איבערראשט צו פארזעצן צו ערררייכן די אייניגע פארשונג ביישפיל מיט די ניו יארק בייא-צענטער."

די CZ Biohub NY איז די פערדע און נייסטע פארשונג אנשטאלט אין די טשאן זאקערבורג בייא-צענטער נעטווארק, א דורכברעכנדע אייניגע ביישפיל פאר וויסנשאפט פארשונג. די נעטווארק נעמט אויך אריין די ערשטע CZ בייא-צענטער אין סאן פראנציסקא, א צווייטע אין טשיקאגא, און די טשאן זאקערבורג אינשטאלט פאר פארגעשריטענע ביאלאגישע בילדער אין רעדוואד סיטי, קאליפארניע.

אנגעפירט דורך פראפעסאר אנדריע קאליפאנא פון קאלאמביע אוניווערסיטעט, וועט די CZ Biohub NY ארבעטן אויף דאס שאפונג פון נייע טעכנאלאגיעס צו כאראקטעריזן און בייא-ענדזשינירן אימיון צעלן מיט די צעל פון מאכן קראנקהייט-געווידמעטע "סעליולאר ענדאסקאופס" וואס קענען אויפכאפן פריע שטאפלען פון קראנקהייטן אין צעלן, האלטן אן אויג אויף ענדערונגען אין צעלן, און אויסהיילן קראנקהייטן איידער זיי ווערן צו שווער צו באהאנדלען. די צענטער וועט נוצן די נייע, טעכנאלאגיע-געטריבענע צוגאנג פאר קענסערס וואס זענען שווער צו אויפכאפן, אזויווי אווארען און פאנקריאטיק קענסערס, און ניורא-דידזשענעראטיוו קראנקהייטן, אזויווי פארקינסאן'ס און אלצהיימער'ס. די קומענדיגע שריט איז צו ווייטער טרענירן אימיון צעלן צו מאכן געצילטע פארריכטונגען, אזויווי מאכן אן ארט פון א געוויקס געשוואלן כדי צו פאראורזאכן א שטארקע אימיון רעאקציע.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט,** "דאס אויסוואל פון ניו יארק אלץ די נעקסטע CZ בייא-צענטער צייגט אז די געצילטע אינוועסטירונג אין לעבנס וויסנשאפטן אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט ארבעט גוט. זיין א טייל פון די CZ בייא-צענטער נעטווארק וועט ערמעגליכן אויסערגעווענליכע געלעגנהייטן פאר ניו יארק'ס פארשונג קאמיוניטי און וועט האבן נאכפאלגנדע אפעקטן איבער די סטעיט, וואס דאס וועט ווייטער פעסטשטעלן ניו יארק אלץ א שטארקע עקאנאמישע טרייבער און א גלאבאלע ציל פאר לעבנס וויסנשאפט איבערזעצונג און ערפינדונג."

**סטעיט העלט קאמישאנער דר. דזעימס מקדאנעלד האט געזאגט,** "איך באדאנק גאווערנער האקול און מעיאר אדאמס פאר זייער שטארקע פארפליכטונג פאר אינוועסטירונגען וועלכע פארבעסערן די צוקונפט פון מעדיצין און פארבעסערן פובליק געזונטהייט איבער די סטעיט. די נייע פארגעשריטענע בייא-צענטער אין ניו יארק וועט אויסברייטערן אונזערע מעגליכקייטן מיט פריע פארמיידונג, אויפכאפונג און באהאנדלונג פון קראנקהייטן."

**סטעיט סענאטאר טאובי סטאווינסקי האט געזאגט,** "איך בין גאר פרייליך אז גאווערנער האקול און מעיאר אדאמס האבן פעסטגעשטעלט די פינאנצירונג פון די טשאן זאקערבורג אינציאטיוו. איך האב שוין לאנג אויסגעדרוקט די וויכטיגקייט פון מאכן פובליק/פריוואטע פארטנערשיפס צו שטיצן ארבעט געלעגנהייטן און ברענגען אינוועסטירונג צו ניו יארק. CZI'ס ברייטהארציגע ערשטעביישטייערונג צו עפענען די בייא-צענטער איז אויך אן אנערקענונג פון די אויסגעצייכנטע אוניווערסיטעטן וואס מיר האבן אין אונזער סטעיט. איך קוק ארויס צו פארזעצן מיט די ארבעט, אינאיינעם מיט די גאווערנער און מעיאר, צו אינוועסטירן אין אונזער העכערע עדיוקעישאן סיסטעם."

**אסעמבלימיטגלידערין פארטישע פאהי האט געזאגט,** "מיט איבער 17 נייע לעבנס וויסנשאפטן פירמעס געעפענט אין ניו יארק סטעיט אין די פארגאנגענע פאר יאר, זעצן מיר פאר צו זיין א נאציאנאלע פירער און אנהאלטער פאר די לעבנס וויסנשאפטן פעלד פון ניו יארק סיטי ביז אלבאני. אונזער נייע בייא-מעדיקעל לעבנס וויסנשאפטן פארשונג צענטער, CZ Biohub NY, וועט ארבעטן אויף פריע פארמיידונג, אויפכאפונג, און באהאנדלונג פון קראנקהייטן - וואס וועט ראטעווען לעבנס און ארויסגעבן אומגלויבליכע מעדיצינישע דורכברוכן אין אונזער צייט. איך באדאנק גאווערנער האקול, מעיאר אדאמס, און די טשאן זאקערגבורג אינציאטיוו פאר זייער פארפליכטונג צו פארברייטערן ניו יארק'ס לעבנס וויסנשאפטן באפעלקערונג און זייער אייניגע מיטארבעט אויף די פארשונג צענטער, וואס וועט צום ענדע ברענגען רעזולטאטן פאר ניו יארקער און אמעריקאנער אין די קומענדיגע יארן."

**CZI קא-אייגנטומער און קא-CEO מארק זאקערבורג האט געזאגט,** "די גרויסע ווינסשאפט פראגע וואס די פארשער וועלן נאכגיין איז ארום סעליולאר ענדזשינירינג - צו ערפינדן אימיון צעלן צו אויפכאפן געוויסע קראנקהייטן און דאן צום ענדע מאכן א קאוד פון זייער מאלעקיולער צאמשטעל, אזוי אז די פארשער זאלן עס קענען נוצן אלץ א דיאגנאסטישע מיטל און צום ענדע, זאלן זיי קענען ערפינדן צעלן צו גיין צו אן ארט פון א קראנקהייט און עס העלפן באהאנדלען. די ענדגילטיגע ציל איז נישט צו נאכגיין א ספעציפישע קראנקהייט - נאר צו מאכן א נייע מיטל אדער פלאטפארמע אז אלע פארשער זאלן עס קענען שטודירן און מאכן נאך פארשריט דערויף."

די CZ בייא-צענטער בויעט אויף באמיאונגען פון די גאנצע סטעיט צו פארברייטערן און מאדערנעזירן די באפעלקערונג דורך ניו יארק'ס $620 מיליאן לעבנס וויסנשאפטן אינציאטיוו. פאריגע יאר, האבן גאווערנער האקול און מעיאר אדאמס פארעפנטליכט פלענער פאר SPARC Kips Bay, אן ערשטע-פון-איר-סארט ארבעט און עדיוקעישאן צענטער פאר פארשריט אין געזונטהייט און לעבנס וויסנשאפטן, אויף מאנהאטען'ס איסט סייד. גאווערנער האקול האט אויך פארעפנטליכט א $700 מיליאן איבערגאנג פון די געוועזענע טעיסטי בעקעריי ארט אין מערב הארלעם צו די טעיסטי לאבאטאריע געביידע, א קלאס A, LEED-סערטיפייד געביידע געבויעט פאר'ן צוועק פון לעבנס וויסנשאפן פירמעס. פריער אינעם יאר, האט די גאווערנער אויך אנאנסירט די $7.6 מיליאן איבערייטערונג פון Schrödinger, Inc. וועמען'ס פיזיק-באזירטע קאמפיוטעישענעל פלאטפארמע טראנספארמירט די וועג וויאזוי מעדיצינען און מאטעריאלן ווערן אנטדעקט, ביי די טעיסטי לאבאטאריע געביידע, עפענענדיג כאטש 80 נייע ארבעט געלעגנהייטן. אין מערץ, האט די גאווערנער אנאנסירט פלענער פאר א $50 מיליאן "לאבארעטאריע פון די צוקונפט" אין מידטאון מאנהאטען וואס וועט זיך פארלאזן אויף אויטאמאציע, פאלשע אינטעליגענץ, און מאשין לערנען צו מאכן די ערשטע שטאפלען פון דעם מעדיצין אנטדעקונג פראצעדור שנעלער, מער באזירט אויף ציפערן און מער שפארזאם.

ניו יארק סיטי איז א וואקסנדע צענטער פון לעבנס ווינשאפטן פארשונג, מיט ניין גרויסע פארשונג צענטערן און איבער 100 פארשונג צענטערן סך הכל, איבער 50 שפיטעלער, א גאר טאלאנטפולע און פארשפרייטע ארבעטסקראפט, און אינדוסטרי-פירנדע פירמעס. דורך NYCEDC, LifeSci NYC'ס $1 ביליאן אינציאטיוו, איז ניו יארק סיטי אויפ'ן גאנג צו עפענען 1,000 פירמעס און 40,000 ארבעט געלעגנהייטן, עפענען 10 מיליאן סקווער פיס פון נאסע- און טרוקענע-לאב ריעל עסטעיט, און

ארויסברענגען ביליאנען דאלארן אין עקאנאמישע ווירקונג איבער די קומענדיגע 15 יאר. זייט'ן ארייינקומען אין אפיס, האט שוין מעיאר אדאמס אינוועסטירט $27 מיליאן פאר נייע לעבנס וויסנשאפטן פאסיליטעטן פאר די סיטי קאלעדזש פון ניו יארק און מאונט סייניי העלט סיסטעם, געווידמעט $20 מיליאן פאר א נייע צענטער פאר שטארקקייט-געווידמעטע בייא-טעכנאלאגיע ביי די ברוקלין נעיווי יארד, און געשטיצט דאס עפענונג פון רענסעלעיר פאליטעכניק אינסטיטוט און די אייקאהן שולע פון מעדיצין ביי מאונט סייניי'ס צענטער פאר ענדזשינירינג און פונקטליכע מעדיצין אויף מאנהאטען'ס וועסט סייד. אינוועסטירן אין לעבנס וויסנשאפטן איז געווען א הויפט רעקאמענדאציע געמאכט דורך די "'נייע' ניו יארק" פאנעל צאמגעשטעלט דורך גאווערנער האקול און מעיאר אדאמס פריער אינעם יאר צו מאכן ניו יארק סיטי די בעסטע פלאץ צו ארבעטן און דינען אלץ א וועגווייזער פאר די סיטי'ס צוקונפט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן